בס"ד

בהעלותך תשפ"ד
גליון 195

# דער ריינער קוואל

# דעם רבינ'ס ליכט



**אֵייערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן

מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין פַּרְשַׁת "בְּהַעֲלוֹתְךָ אֶת הַנֵּרוֹת". אִין דִי פַּרְשָׁה בַּאפֶעלְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וִויאַזוֹי צוּ מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן מַאכְן דִי מְנוֹרָה "מִקְשָׁה זָהָב". מִקְשָׁה אִיז טַייטְשׁ: "אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט פוּן אֵיין שְׁטִיק". דִי מְנוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט פוּן שְׁטִיקְלֶעךְ נָאר פוּן אֵיין שְׁטִיק גָאלְד, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסגֶעהַאקְט מִיט אַ הַאמֶער, אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט אִיר פְּרַאכְט פוּן אֵיין שְׁטִיק דוּרְךְ אַ נֵס פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִצְחִיוּת, עֶס אִיז שַׁיָיךְ פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן זְמַן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דִי מְנוֹרָה אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַן עֵדוּת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, עֶר בַּארִימְט זִיךְ מִיט זֵיי גָאר שְׁטַארְק.



דִי מְנוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט מִיט שֵׁיינֶע בֶּעכֶערְלֶעך אוּן קְנֶעפֶּעלֶעך אוּן בְּלוּמֶעלֶעך א.ד.ג. דָאס אִיז מְרַמֵז אוֹיף אַלֶע סָארְטְן

הִתְפָּאֲרוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן.

דָאס וַוייזְט אוּנְז דִי מְנוֹרָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען מִקְשָׁה. ר' נָתָן טַייטְשׁ אַז "מִקְשָׁה" אִיז פוּן לָשׁוֹן "עַקְשָׁנוּת", מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה' אִין יֶעדֶע מִצְוָה אוּן גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דַארְף מֶען דָאס מַאכְן מִיט עַקְשָׁנוּת.

אַ אִינְגֶל וָואס הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן אַ דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה, צוּם בַּיישְׁפִּיל: בֶּענְטְשְׁן נָאר פוּן אִינֶעוֵוייִניג, הִיטְן דָאס מוֹיל, נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מֶער כָּבוֹד גֶעבְּן פַאר טַאטֶע מַאמֶע, דַארְף עֶר עֶס אָנְהַאלְטְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַקְשָׁנוּת אוּן דֶער עִיקָר אִיז טַאקֶע מִיט עַקְשָׁנוּת בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן מִיט דִי קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, דֶעמָאלְט וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְפָּאֲרוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט דֶעם קִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה', נִישְׁט נָאכְלָאזְן דִי פְּלַאץ ווִי מֶען

המשך פון זייט 1

אִיז, דָאס מֵיינְט דָאס בִּיסְל עֲבוֹדַת ה׳ וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף דִיר מְנִיעוֹת אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת א.ד.ג. ״דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״גֶעדֶענְק דָאס גוּט! וַוייל וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן אַבִּיסְל דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועסְטוּ דָאס דַארְף גֶעדֶענְקֶען אוּן זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי עֵצָה.״

ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו: עֶטְס דַארְפְסְט זַיין גְרוֹיסֶע עַקְשָׁנִים מִיט דָאס בִּיסְל עֲבוֹדָה וָואס עֶנְק טוּעֶן, אוֹיךְ אִין רָצוֹן דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַן עַקְשָׁן צוּ וֶועלְן אוּן הָאבְּן הִשְׁתּוֹקְקוּת צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס קֶען אוֹיף אִים אַרִיבֶּער גֵיין, דֶערְפַאר דַארְף עֶר דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען.

אִין לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת זֶעט מֶען וִוי ר׳ נָתָן בֶּעט זִיךְ בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן: ״הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה׳, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּמִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט וָואס זָאל מִיר אַרָאפְּוַוארְפְן אָדֶער מְרַחֵק זַיין פוּן דִיר, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין. אֲפִילוּ עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וָואס עֶס זָאל נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין זָאל אִיךְ זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס מוּטְשֶׁען אוּן ווִילְן מִיר שְׁוַואךְ מַאכְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין חָלִילָה אַ פַארְלוֹירֶענֶער..

הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן אִין דִיר אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט וָואס אִיךְ קֶען נָאר, מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין מִיר. אִיךְ זָאל זִיךְ יֶעדְן טָאג אִין יֶעדֶע צַייט פְרֵייעֶן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִזֶרַע יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי, שְׁטֶענְדִיג זָאל אִיךְ זוֹכְן אִין מִיר נְקוּדוֹת טוֹבוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת וָואס יֶעדֶער אִיד פַארְמָאגְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן פַאר דִי אוֹיגְן דִי הִתְפָּאֲרוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן אוּנְז, דָאס וֶועט טַאקֶע גוֹרֵם זַיין אַז לְמַעְלָה וֶועט זִיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימֶען אוּן זָאגְן: ״קוּק וָואסֶערֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער אִיךְ הָאבּ דָא אוּנְטְן, דִי נַחַת רוּחַ אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס זֵיי מַאכְן מִיר.״ בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ זֶען דִי אַלֶע כְּלֵי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה אִין אִיר פְּרַאכְט אוּן לִיכְטִיגְקַייט מִיט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַלֶע צַדִיקִים אִין הֵיילִיגְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

## טייערע קינדער

- פארוואס איז בעריס טאטע געפארן קיין קאנאדע?
- וויאזוי פארוואנדלט מען פון א באס צו א ספרים געשעפט?
- הפצה אויף רעדער?

ליינט מער בעז"ה קומענדיגע וואך



# אײן אמשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

"די גֶעסְט זֶענֶען דָא!" הָאבְּן די קִינְדֶער אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן מִיט עֶקְסְטַאז נָאךְ לַאנְגֶע וַוארְטֶענִיש אִין בַּאלְקָאן אוֹיף אוּנְזֶערֶע נָאנְטֶע קְרוֹבִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ בַּאזוּךְ.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוֹיסְאַרְטִיגֶע מָאלְצַייט אוּן אַיינְגֶעלַאדְנְט אַלֶע פָּארְפֶּעלְקֶער צוּ קֶענֶען פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם. פַּאר מִיר קִינְדֶער אִיז דָאס גֶעוֶוען אַן אוֹיסְגֶעוַוארְטֶע גֶעשֶׁעעֶנִיש. מִיר זֶענֶען אַ קְלֵיינֶע מִשְׁפָּחָה אוּן נִישְׁט אָפְּט מַאכְט זִיךְ אַ גֶעלֶעגְנְהַייט צוּ הָאבְּן גֶעסְט. דָאס אִיז עֶפֶּעס אוֹיף וָואס מִיר קוּקְן זַייעֶר אַרוֹיף.

אַ גַאנְצְן פַארְמִיטָאג אִיז מֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען אוֹיפְרוֹימֶען דָאס הוֹיז אוּן צוּגְרֵייטְן דִי שַׁבָּת צִימֶער וִוי עֶס פַּאסְט.

מַיין מַאמֶע הָאט זִיךְ שְׁנֶעל אַהֵיימְגֶעיָאגְט פוּן דֶער אַרְבֶּעט צוּ קֶענֶען אָנְוַוארֶעמֶען דָאס עֶסְן וָואס זִי הָאט שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר צוּגֶעגְרֵייט. דִי גֶעסְט זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אִין שְׁטוּב. מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן פַארְבְּרֶענְגְט וַוארְטְנְדִיג אַז מַיין מַאמֶע זָאל אָנְהֵייבְּן אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי מָאלְצַייט.

זִי עֶפְּנְט דֶעם פְרִידְזְשִׁידֶער אוּן עֶס קוּמְט אִיר אַנְטְקֶעגְן אַן אוּמְאַנְגֶענֶעמֶע גֶערוּךְ אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ וַוארִימֶע פַּארֶע.

"וָואס גֵייט דָא פָּאר?!" וואוּנְדֶערְט זִי זִיךְ. "דֶער פְרִידְזְשִׁידֶער אִיז צֶעבְּרָאכְן? זַייט וֶוען?"

ס'אִיז טַאקֶע אַן אַלְטֶע 'טְרַאנְטֶע' כֵּלִי, קְלֵיין וִוי אַ בָּאנְדֶל, שׁוֹין גֶע'יַרְשְׁ'ט פוּן אַ דְרִיטֶע הַאנְט אָבֶּער ס'הָאט גֶעטוּן דִי אַרְבֶּעט. מַיין עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין לַאנְג גֶעוָואלְט זִיךְ פַארְגִינֶען אַ נַייעֶ פְרִידְזְשִׁידֶער פַאר אוּנְזֶער קִינְדֶער גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּב בְּלִי עַיִן הָרָע, אָבֶּער זַיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט דָאס צוּ קוֹיפְן. אוּן דָא פְּלוּצְלוּנְג פוּן אֵיין סֶעקוּנְדֶע צוּם צְוֵוייטְן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוֹיף 'וַואקַאצִיעֶ' אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן וִוי אַ לִיכְט...

מַיין מַאמֶע עֶפְּנְט דֶעם פְרִיזֶער אוּן אוֹיךְ דָארְט קוּמְט אִיר אַנְטְקֶעגְן אַן אוּמְאַנְגֶענֶעמֶע אִיבֶּערַראשׁוּנְג: דִי לוֹיזֶע עֶסְן לִיגְן אִין אַ טֵייךְ וַואסֶער.

"דָאס אִיז עֶס," הָאט מֶען בַּאשְׁטֶעטִיגְט, דֶער פְרִידְזְשִׁידֶער אִיז שׁוֹין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

מַיין מַאמֶע הָאט זִיךְ גִיךְ גֶעאַיילְט אָנְצוּוַארֶעמֶען דָאס עֶסְן אוּן מְכַבֵּד זַיין דִי גֶעסְט. דֶער עוֹלָם הָאט גֶעגֶעסְן פַארְבְּרֶענְגְנְדִיג גֶעשְׁמַאק אוּן אַנְגֶענֶעם.

גְלַייךְ וֶוען דִי גֶעסְט זֶענֶען אַהֵיים הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בַּאהַאנְדְלֶען דֶעם קְרַאנְקְן פְרִידְזְשִׁידֶער. דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי מִילְכִיגְס אוּן אַנְדֶערֶע עֶסְן וָואס קֶענֶען קַאלְיֶע וֶוערְן אוּן דָאס פְּלַאצִירְט בַּיי דִי גוּטְהַארְצִיגֶע שְׁכֵנִים. דֶערְנָאךְ הָאבְּן זַיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן תַּכְלִית. דָאס מֶערְסְטֶע לָאגִישֶׁע אָפְּצְיֶע וָואלְט גֶעוֶוען צוּ קוֹיפְן אַ נַייעֶ פְרִידְזְשִׁידֶער, וָואס דָאס הָאבְּן זַיי שׁוֹין לַאנְגֶע גֶעוָואלְט טוּן. עֶרֶב יוֹם טוֹב אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ שְׁפַּאן אַוֶועק אוּן דַאן הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר אַזוֹיפִיל עֶסְן. אָבֶּער גֶעלְט דֶערְצוּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען.

"מִיר וֶועלְן מַאכְן תְּפִלּוֹת," הָאט מַיין טַאטֶע אוּנְז דֶערְמַאנְט אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט מֵיינֶען אַז וֶוען מֶען בְּרוֹיךְ עֶפֶּעס קֶען מֶען גֵיין... קוֹיפְן... מַאכְן... טוּן... אוּן מֶען אִיז אַ גֶעהָאלְפֶענֶער. בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט דָאס נִישְׁט אַזוֹי. אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ קוֹדֶם אוֹיסְקָאכְן אִין תְּפִלָּה.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט מַיין מַאמֶע זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט עֶטְלִיכֶע בַּעֲלֵי מְלָאכָה צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען קֶען דָאס פַארֶערְכְטְן. מֶען הָאט גֶע'עֵצָה'ט צוּ אוֹיסְשְׁטֶעקְן דֶעם פְּרִידְזְשִׁידֶער, לָאזְן שְׁטֵיין אַ וַוייל אוּן דֶערְנָאךְ צוּרִיק אַיינְשְׁטֶעקְן. צוּמָאל וֶוערְט עֶס צוּרִיק אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען אַ קַאלִיקֶער. עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים עֶרְוֶועקְן.

צוּ פַארֶערְכְטְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט דָאס זֶעלְבֶּע אַז אִין דֶעם כְּלִי לוֹינְט שׁוֹין נִישְׁט צוּ אִינְוֶועסְטִירְן.

דִי חֲלָקִים אוּן אַרְבֶּעט אַרוּם דֶעם וֶועלְן קָאסְטְן כִּמְעַט אַזוֹיוִוי אַ נַייֶע אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס שׁוֹין יָא פַארֶערְכְטְן אִיז נִישְׁט זִיכֶער וִוילַאנְג ס'וֶועט נָאךְ צִיעֶן. אַז מֶען קוֹיפְט אַ נַייֶע הָאט מֶען כָּאטְשִׁיג אַחֲרָיוּת אוֹיף אַ יָאר.

דִי צְוֵוייטֶע אָפְּצִיֶע אִיז גֶעוֶוען צוּ קוֹיפְן אַ צְוֵוייט-הַאנְטִיגֶע פְּרִידְזְשִׁידֶער. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּפְרֶעגְן וָואס עֶס אִיז דָא צוּ קוֹיפְן. מִיר הָאבְּן שׁוֹין זֵייעֶר וִויכְטִיג גֶעבְּרוֹיכְט הָאבְּן עֶפֶּעס. וִוילַאנְג קֶען מֶען מַטְרִיחַ זַיין שְׁכֵנִים צוּ הַאלְטְן אוּנְזֶערֶע זַאכְן? מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט נָאר דִי מִינִימוּם אוּן זִיךְ בַּאגַאנְגֶען מִיט וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט.

צְוֵויי טֶעג נָאךְ יֶענֶע בַּאזוּךְ פוּן דִי קְרוֹבִים קְלִינְגֶען זֵיי אָן אוּן פְרֶעגְן זִיךְ נָאךְ וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיטְן פְּרִידְזְשִׁידֶער?

"ס'אִיז טוֹיט!" הָאט מַיין טַאטֶע בַּאשְׁטֶעטִיגְט.

"וָואס גֵייט אִיר טוּן דֶערְוֶועגְן?" הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט.

"מִיר זוּכְן צוּ קוֹיפְן אַ צְוֵוייט-הַאנְטִיגֶע כְּלִי."

"נֶע, וָואס לוֹינְט עֶס?" הָאבְּן זֵיי אַוֶועקְגֶעמַאכְט דִי עֵצָה.



דִי קְרוֹבִים וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט מַיין טַאטְנְ'ס מַצָּב אַז עֶר אִיז אַ בֶּן-תּוֹרָה אוּן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אִין טַאשׁ אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן חַס וְחָלִילָה אִין חוֹבוֹת, הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעטְרָאגְן אוֹיסְצוּצָאלְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט. זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן עֶלֶעקְטְרָאנִישֶׁע זַאכְן אוּן דָארְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט גֶעלְט אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען קוֹיפְן אַ נַייֶע פְּרִידְזְשִׁידֶער.

אַצִינְד פְרֶעגְט זִיךְ אַ הַארְבֶּע שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הָאט דֶער דוֹמֵם-פְּרִידְזְשִׁידֶער גֶעוואוּסְט פוּנְקְט זִיךְ אוֹיסְצוּלֵייגְן שְׁלָאפְן אִין דֶעם שָׁעָה וֶוען דִי קְרוֹבִים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ?

וֶוער פוּן אַייךְ טַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע לֵיינֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט וֵוייסְט דֶעם עֶנְטְפֶער?

אִיךְ מֵיין אַז אַלֶע!

ס'אִיז גֶעקוּמֶען דֶער רִיכְטִיגֶער מִינוּט וָואס מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעבְּרוֹיכְט הָאבְּן אַ נַייֶע פְּרִידְזְשִׁידֶער הָאבְּן זֵיי צוּגֶעשִׁיקְט דִי רִיכְטִיגֶע שְׁלוּחִים!

# צֶוְועלְף בֶּענְקֶלֶעך!

יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן קֶען דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, טַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע מַתָּנוֹת פַארְן לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ: "אִיךְ בִּין אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוער עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּ מִיר קֶען זִיךְ אָנְשֶׁעפְּן מִיט דִי טַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת".

נִישְׁט אַלֶעמָאל אִיז דָאס מַתָּנוֹת וָואס מֶען קֶען מַמָּשׁ אָנְטַאפְּן, אַסַאךְ מָאל אִיז עֶס אִין דִי פְּנִימִיּוֹת פוּן דֶער מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל אֵיינֶער אִיז גֶעוָוארְן מֶער מְיוּשָּׁבְ'דִיג אוּן רוּאִיגֶער, אַ צְוֵוייטֶער הָאט בַּאקוּמֶען הֶעכֶערֶע רְצוֹנוֹת אוּן אַן עֶרְלֶעכְקַייט, אַן אַנְדֶערֶער בַּאקוּמְט פְרֵיילִיכְקַייט, אָדֶער אִיז מֶען אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן נִישְׁט אַ גוּטֶע הַנְהָגָה אִין לֶעבְּן, אָדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען עֶרְנְסְטֶער צוּם לֶערְנֶען וָואס דָאס הָאט אִים אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט פוּן פְרִיעֶר, אוּן דָאס גְלֵייכְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר רֶבִּי'ן! וָואס דָאס אִיז יֶעדֶע מָאל גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ גַאנְצֶע סִיפּוּר אַרוּם דֶעם, אָבֶער דֶער רֶבִּי אִיז קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן שׁוּלְדִיג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מִיטְן בַּאקוּמֶען גֶעבּ אִיךְ", דָאס הֵייסְט וֶוען



אֵיינֶער גִיבְּט פַארְן רֶבִּי'ן עֶפֶּעס, נִישְׁט נָאר עֶר דֶערְלֵייגְט נִישְׁט, נָאר עֶר בַּאקוּמְט דֶערְפוּן פִּיל מֶער צוּרִיק וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט מְשַׁעֵר זַיין אִין מֹחַ. דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר הָאט קֵיינֶער נִישְׁט דֶערְלֵייגְט", דָאס מֵיינְט וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַארְן עִנְיָן פוּן דֶער רֶבִּי, אָדֶער גֶעגֶעבְּן צְדָקָה פַאר זַיין זַאךְ וֶועט גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן, נָאר עַל פִּי רוֹב זֶעהְט מֶען אַז זֵיי הָאבְּן גָאר פַארְדִינֶען זֵייעֶר פִּיל.

דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַארְן רֶבִּי'ן אִיז דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד ר' נָתָן זַ"ל. אִין זַיין אָנְהֵייבּ הַהִתְקָרְבוּת אִיז ר' נָתָן גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, חוּץ פוּן דִי יִסּוּרִים וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בְּרוּחָנִיּוּת אוּן זַיין צָרוֹת הַנֶּפֶשׁ, אִיז עֶר אוֹיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, עֶר מִיט זַיין רֶעבֶּעצִין הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קִינְדֶער אוּן זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, כָּאטְשׁ ר' נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל צַייט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן הָאט זִיךְ מִתְבַּטֵּל גֶעוֶוען פַאר

אִים הָאט עֶר קַיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט וֶועגְן זַיין צַעַר וָואס דְרִיקְט אִים בַּיים הַארְצְן.

דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן אַז "עִיקָר תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" דֶערִיבֶּער הָאט זִיךְ ר' נָתָן גֶעשֶׁעמְט צוּ רֶעדְן מִיטְן רֶבִּי'ן וֶועגְן דֶעם, דָאךְ פְּלֶעגְט ר' נָתָן דֶערְצֵיילְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַארְן רֶבִּי'ן, אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים, יֶעדְן מָאל וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי'ן. אִיז אוֹיךְ דֶער וַוייטָאג אִין דִי נוֹשֵׂא אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען פוּן צְווִישְׁן דִי וֶוערְטֶער, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אָנְגֶערוּפְן צוּ ר' נָתָן: עֶס אִיז מִיר אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיפְן דַעַת דַיין צַעַר גִדוּל בָּנִים, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיף דֶעם וֶועסְטוּ מִיר דַארְפְן עֶפֶּעס גֶעבְּן, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף דִי הִתְקָרְבוּת וָואס אִיךְ רֶעדְט מִיט דִיר וֶועגְן עֲבוֹדַת ה', וַוייל אוֹיף דֶעם דַארְף אִיךְ דִיר גֶעבְּן", נָאר פַאר דִי בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער דַארְפְסְטוּ מִיר עֶפֶּעס גֶעבְּן פַאר אַ פִּדְיוֹן.

ר' נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אוּן גֶעזָאגְט אַז וִויבַּאלְד עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען פַארְן רֶבִּי'ן בֶּענְקְלֶעךְ פַאר אַ מַתָּנָה וֶועט עֶר דָאס יֶעצְט בְּרֶענְגֶען, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן. ר' נָתָן הָאט גֶעשָׁאנְקֶען פַארְן רֶבִּי'ן זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ אַ מַתָּנָה, אוּן אִיז מִיט דִי צַייט גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט זֶעקְס לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, פִינֶעף אִינְגְלֶעךְ אוּן אֵיין מֵיידְל.

אַזוֹי אִיז ר' נָתָן גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן בָּרוּךְ ה', מִיטְן שֶׁענְקֶען אַ מַתָּנָה פַארְן רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה וָואס אִיז וֶוערְד

טייערע קינדער, לאמיר יעצט זאגן א גרינגע קאפיטל תהילים 'מזמור לתודה' און דאנקען דעם באשעפער אויף די געוואלדיגע מתנה פונעם הייליגן רבי'נס ראש השנה און נאכדעם וועלן מיר ווייטער זוכן די וועג, פארשטייט זיך מיט תפלה..







מֶער ווי אַלֶע מַתָּנוֹת פוּן דִי וֶועלְט, אוּן קֵיינֶער חוּץ פוּן בַּאשֶׁעפֶּער קֶען דָאס נִישְׁט גֶעבְּן. יָארְן אַרוּם הָאט ר׳ נָתָן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט: "וֶוען אִיךְ וַוייס אַז וִויפִיל בֶּענְקְלֶעךְ אִיךְ גִיבּ דֶעם רֶבִּי'ן אַ מַתָּנָה וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען אַזוֹי פִיל קִינְדֶער, וָואלְט אִיךְ גֶעשָׁאנְקֶען פַאר'ן רֶבִּי'ן צְוֶועלֶעף בֶּענְקְלֶעךְ...."

נָאךְ אַ מַתָּנָה אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט בַּאקוּמֶען פוּן זַיין חָסִיד אִיז דִי בֶּענְקְל פוּן רֶבִּי'ן. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַן עֶקְסְטֶערֶע שֵׁיינֶע בֶּענְקְל וָואס מֶען קֶען עֶס מֶער אָנְרוּפְן אַ שְׁטוּל, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ רַייכֶע שֵׁיינֶע בֶּענְקְל אוּן אִין דֶעם אַיינְגֶעקְרִיצְט אוּן אוֹיסְגֶעמָאלְן שֵׁיינֶע עֶקְסְטֶערֶע צוּרוֹת מַמָּשׁ מַעֲשֶׂה אוּמָן. דֶער שׁוֹחֵט פוּן טֶעפְּלִיק הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן פַאר אַ מַתָּנָה, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶעהְן דֶעם בֶּענְקְל הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט וִויפִיל צַייט הָאסְטוּ גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדְן טָאג אַ שָׁעָה בְּמֶשֶׁךְ אַ הַאלְבֶּע יָאר", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "אַזוֹי? הָאסְטוּ מִיר אִין זִינֶען גֶעהַאט אַ הַאלְבּ יָאר יֶעדְן טָאג?!" דָאס הָאט גֶעהַאט בַּיים רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיס חֲשִׁיבוּת.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנָה דֶעם בֶּענְקְל אַ קוּרְצֶע צַייט שְׁפֶּעטֶער, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַרְאֶה וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהְן, דָאס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן בַּאֲרִיכוּת.



אֵיינֶע פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס בֶּענְקְלֶעךְ – רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַצַ"ל פַארְצֵיילְט אַז עֶס אִיז דִי בֶּענְקְל פוּן שְׁטָאט טְשֶׁערִין – הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶעוואלְגֶערְט צְוִוישְׁן דִי חֲסִידִים וָואס הָאבְּן דָאס אוֹיסְבַּאהַאלְטְן, אוּן גֶעהַאלְטְן זֵייעֶר טַייעֶר, נָאךְ אַסַאךְ יָארְן הָאט מֶען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי בֶּענְקְל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן צוּנוּמֶען אוֹיף חֲלָקִים, מֶען הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אַ סְטָאלֶער אַ מֻמְחֶה, וָואס הָאט דָאס מַמָּשׁ בַּאנֵייט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, מֶען הָאט דָאס אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִין בְּרֶסְלֶב'עֶר שׁוּל, מֵאָה שְׁעָרִים, דָארְט לִיגְט עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט, מֶען נִיצְט עֶס פַאר אַ כִּסֵּא שֶׁל אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא בַּיי דִי בְּרִיתְ'ן, זִיכֶער הָאבְּן שׁוֹין אַסַאךְ קִינְדֶער דָאס גֶעזֶעהְן.

אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער צַדִּיק ר' מֹשֶׁה מָרְדְּכַי לֶעלוֹבֶ'עֶר זַצַ"ל פְלֶעגְט אַסַאךְ יָארְן אַרָאפְּקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב אִין שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים זִיךְ אַיינְצוּקוּקְן אוֹיף דֶעם רֶבִּי'נְס בֶּענְקְל אַפָּאר מִינוּט.

'בַּיינַאכְט' – אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'וַואלְד' – אוּן הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן 'עֶסְן' אוּן 'טְרִינְקְן' – אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט!

'אַקֶעגְן־טָאג' [פַּארְטָאגְס] – הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט: דָאס גְרוֹיסֶע 'גֶעלֶעכְטֶער' (הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – בִּיז 'אַלֶע בֵּיימֶער' הָאבְּן גֶעצִיטֶערְט – סְ'הָאט גֶעבְּרָאכְן [גֶע'רַעשְׁ'ט אוּן זִיךְ גֶעוָוארְפְן] 'אַלֶע בֵּיימֶער' (דָאס 'קוֹל' פוּן דֶעם 'גֶעלֶעכְטֶער')!

הָאט עֶר אִים אָנְגֶערֶעדְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'קְנֶעכְט' הָאט אָנְגֶערֶעדְט דֶעם 'אֱמֶת'ן בֶּן־מֶלֶךְ', וָואס עֶר אִיז זַיין 'הַאר'): "אַז עֶר זָאל פְרֶעגְן דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶעם 'וַואלְד': 'וָואס דָאס אִיז'"?! הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער', 'נָאנְט צוּ טָאג'"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס לַאכְט דֶער 'טָאג' אוֹיס, [פוּן] דֶער 'נַאכְט' – וָוארְן דִי 'נַאכְט' פְרֶעגְט [פוּן] דֶעם 'טָאג': 'פַארְוָואס אַז [וֶוען] דוּ קוּמְסְט, הָאבּ אִיךְ קַיין 'נָאמֶען' נִישְׁט'?!

טוּט [דַאן] דֶער 'טָאג' אַ 'גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער'! – אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט 'טָאג'! – אוּן דָאס אִיז דָאס 'גֶעלֶעכְטֶער' וָואס מְ'הֶערְט 'נָאנְט צוּ טָאג'"! אִיז דָאס בַּיי אִים, אַ גְרוֹיס־וואוּנְדֶער גֶעוֶוען – וָוארְן דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ וִוילְדֶע [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] זַאךְ, אַז דֶער 'טָאג' לַאכְט אוֹיס דֶער 'נַאכְט'. ([אוּן] פְרֶעגְן וַוייטֶער, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט, אַז [וֶוען] יֶענֶער עֶנְטְפֶערְט אַזוֹי אַ [אַזַא] לָשׁוֹן).

'אִינְדֶערְפְרִי' – אִיז וִוידֶער דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'וַואלְד' אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרוּנְקֶען! 'בַּיינַאכְט' – אִיז עֶר וִוידֶער גֶעקוּמֶען – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרוּנְקְן – אוּן הָאבְּן גֶענֶעכְטִיגְט דָארְט!

'בַּיינַאכְט' – הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט, דָאס 'קוֹל' פוּן דִי 'חַיוֹת' – ווִי זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעבְּרוּמְט מִיט 'וִוילְדֶע [מָאדְנֶע] קוֹלוֹת'! – דֶער 'לֵייבּ' הָאט גֶעשְׁרִיגְן – אוּן דֶער 'לֶעמְפֶּערְט' הָאט גֶעבְּרוּמְט מִיט אַ 'אַנְדֶער קוֹל' – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דִי 'אִיבְּרִיגֶע חַיוֹת', הָאט אִיטְלֶעכֶע 'חַיָה', מִיט אַ 'אַנְדֶער קוֹל' גֶעבְּרוּמְט!

אוּן דִי 'עוֹפוֹת' – הָאבְּן גֶעשְׁוִוישְׁטְשֶׁעט אוּן גֶעקְנַאקְט! אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אַלֶע – הָאבְּן גֶעבְּרוּמְט מִיט 'וִוילְדֶע קוֹלוֹת'! אוּן אִין דֶער תְּחִילָה [אָנְהֵייבּ] – זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן – הָאבְּן זֵיי זִיךְ [דֶערִיבֶּער] נִישְׁט רֶעכְט [רִיכְטִיג] צוּגֶעהֶערְט צוּם 'קוֹל', מַחֲמַת [צוּלִיבּ] 'פַּחַד'.

דֶערְנָאךְ – הָאבְּן זֵיי צוּגֶעבּוֹיגְן דִי 'אוֹיעֶרְן', אוּן הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט – הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט: אַז דָאס אִיז אַ 'קוֹל' פוּן אַ 'נִיגוּן' – זֵיי זִינְגֶען זֵייעֶר אַ 'וואוּילְן [וואוּנְדֶערְלִיכְן] נִיגוּן' – וָואס סְ'אִיז אַ 'וִוילְד חִידוּשׁ'!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶער צוּגֶעהֶערְט! – הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט: אַז סְ'אִיז אַ 'וִוילְד וואוּילֶער [וואוּנְדֶערְלִיכֶער] נִיגוּן' – וָואס סְ'אִיז זֵייעֶר אַ 'וִוילְד חִידוּשׁ' – וָואס סְ'אִיז אַ 'וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכְן] גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג' דָאס צוּ הֶערְן – וָואס אַלֶע 'תַּעֲנוּגִים' פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען אַלֶע גָארְנִישְׁט, אוּן טְרֶעפְן גָארְנִישְׁט אָן – אַקֶעגְן דֶעם 'וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכְן] גְרוֹיסְן תַּעֲנוּג' וָואס מְ'הָאט, אַז [וֶוען] מְ'הֶערְט דֶעם 'וואוּנְדֶערְלִיכְן נִיגוּן'!

הָאבְּן זֵיי צְוִוישְׁן זִיךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט [אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט]: "אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין דָא בְּלַייבְּן – וָוארְן זֵיי הָאבְּן דָא צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרוּנְקְן – אוּן הָאבְּן דָא אַזוֹי אַ [אַזַא] 'תַּעֲנוּג', וָואס עֶר אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חִידוּשׁ' –

וָואס אַלֶע־עֶרְלֵיי 'תַּעֲנוּגִים' פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוערְן גָאר [אִינגַאנצְן] בָּטֵל, אַקֶעגְן דֶעם [דָאזִיגְן] 'תַּעֲנוּג'"! הָאט אָנְגֶערֶעדְט דֶער 'קְנֶעכְט' [פַּאר] דֶעם הַארְן [הַאר] (דְהַיְינוּ: דֶעם 'אֱמֶת'ְן בֶּן־מֶלֶךְ'): "אַז עֶר זָאל אִים פְרֶעגְן (דְהַיְינוּ: [פוּן] דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶעם 'וַואלְד'): 'וָואס אִיז דָאס'?!" הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דִי 'זוּן' הָאט גֶעמַאכְט אַ 'מַלְבּוּשׁ' [פַּאר] דֶער 'לְבָנָה' – הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַלֶע 'חַיוֹת' פוּן דֶעם 'וַואלְד': בַּאֲשֶׁר [אַז אַזוֹי־וִוי] דִי 'לְבָנָה' טוּט זֵיי גְרוֹיסֶע 'טוֹבוֹת' – וָוארְן זֵייעֶר 'שְׁלִיטָה' פוּן דִי 'חַיוֹת', אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר נָאר 'בַּיינַאכְט' – וָוארְן אַמָאל בַּאדַארְפְן זֵיי אַרַיינְצוּגֵיין אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין – אוּן 'בַּייטָאג' קֶענֶען זֵיי נִישְׁט – אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר זֵייעֶר 'שְׁלִיטָה' נָאר 'בַּיינַאכְט' – אוּן דִי 'לְבָנָה' טוּט זֵיי אַזוֹי אַ [אַזאַ שְׁטַארְקֶע] טוֹבָה, 'וָואס זִי לַייכְט זֵיי בַּיינַאכְט' – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיב דֶעם] הָאבְּן זֵיי אַלֶע מַסְכִּים גֶעוֶוען: אַז זֵיי זָאלְן מַאכְן אַ נַייעֶם 'נִיגוּן' לְכָבוֹד דֶער 'לְבָנָה' – אוּן דָאס אִיז דֶער [וואוּנְדֶערְלִיכֶער] 'נִיגוּן' וָואס אִיר הֶערְט"! – [דְהַיְינוּ: אַז אַלֶע 'חַיוֹת' אוּן 'עוֹפוֹת', זִינְגֶען אַ נַייעֶם 'נִיגוּן', לְכָבוֹד דִי 'לְבָנָה' וָואס זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַ 'מַלְבּוּשׁ' פוּנֶעם 'זוּן']!

וִוי [אַזוֹי־וִוי] זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דָאס אִיז אַ 'נִיגוּן' – הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאכְמֶער צוּגֶעהֶערְט – הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט: "אַז ס'אִיז זֵייעֶר אַ 'ווּאוּילֶער [וואוּנְדֶערְלִיכֶער] זִיסֶער נִיגוּן', וָואס ס'אִיז אַ 'וְוילְד חִידוּשׁ' זֵייעֶר"!

הָאט עֶר זִיךְ צוּ זֵיי אָנְגֶערוּפְן (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'וַואלְד'): "וָואס אִיז דָאס בַּיי אַייךְ אַזוֹי אַ [אַזאַ] 'חִידוּשׁ'? אֶלָא־מַאי אִיךְ הָאבּ אַ 'כְּלִי', וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מַיינֶע 'עֶלְטֶערְן' – וָואס זֵיי הָאבְּן עֶס גֶע'יַרְשׁ'ט פוּן זֵייעֶרֶע 'עֶלְטֶערְנְס־עֶלְטֶערְן' – וָואס דִי 'כְּלִי' אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן, מִיט אַזוֹינֶע זַאכְן, מִיט אַזוֹינֶע 'בְּלֶעטְלִיךְ', אוּן מִיט אַזוֹינֶע 'פַארְבְּן' – וָואס אַז [וֶוען] מֶען נֶעמְט דִי [דָאזִיגֶע] 'כְּלִי' – אוּן מֶען לֵייגְט זִי [אַרוֹיף], אוֹיף אַ וָואסֶערֶע [וֶועלְכֶע] 'בְּהֵמָה', אָדֶער אוֹיף אַ וָואסֶער [וֶועלְכֶע] 'עוֹף' – אַזוֹי הֵייבְּט עֶס תֵּיכֶּף אָן צוּ שְׁפִּילְן דֶעם [דָאזִיגְן] 'נִיגוּן' (דְהַיְינוּ: דֶעם 'נִיגוּן' וָואס דִי 'חַיוֹת' הָאבְּן דָא גֶעשְׁפִּילְט)"!

דֶערְנָאךְ אִיז ווִידֶער גֶעוָוארְן דָאס [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'גֶעלֶעכְטֶער' – אוּן ס'אִיז גֶעוָוארְן 'טָאג' – אוּן דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'וַואלְד', אִיז זִיךְ ווִידֶער אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!

אוּן 'עֶר' (דְהַיְינוּ: דֶער 'אֱמֶת'ער בֶּן־מֶלֶךְ') אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'כְּלִי' – אוּן עֶר הָאט [דָאס] אוֹיסְגֶעזוּכְט [אַרוּמְגֶעזוּכְט] אִין דֶעם גַאנְצְן 'חֶדֶר' [צִימֶער] – אוּן עֶר הָאט [דָאס] נִישְׁט גֶעפוּנֶען – אוּן [נָאךְ] וַוייטֶער הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין.

אוּן 'זֵיי' (דְהַיְינוּ: דֶער 'אֱמֶת'ער בֶּן־מֶלֶךְ' – מִיט זַיין 'קְנֶעכְט', וָואס עֶר אִיז דֶער 'בֶּן־הַשִּׁפְחָה', וָואס פְרִיעֶר אִיז עֶר גֶעוֶוען 'מֶלֶךְ'), הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זָאגְן [פַּאר] דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶעם 'וַואלְד', "אַז עֶר זָאל זֵיי פִירְן אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין".

דֶערְנָאךְ אִיז גֶעקוּמֶען דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'וַואלְד' – אוּן הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "אַז עֶר וֶועט זֵיי פִירְן אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין"! הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין!

אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי 'כְּלִי' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אוּן הָאט זִי גֶעגֶעבְּן צוּ דֶעם 'אֱמֶת'ְן בֶּן־מֶלֶךְ' – אוּן הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "דִי 'כְּלִי' שֶׁענְק אִיךְ דִיר – אוּן מִיט 'דֶעם' (דְהַיְינוּ: מִיט

דֶעם ׳קְנֶעכְט׳ וָואס עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעוֶוען ׳מֶלֶךְ׳ וְכוּ׳, כַּנַ״ל [ווִי אויבְּנְדֶערְמַאנְט]), וֶועסְטוּ ווִיסְן ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אִים״! הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וואוּהִין זָאלְן מִיר גֵיין״?!

הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: ״אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פְרֶעגְן [נָאכְפְרֶעגְן] צוּ דֶער ׳מְדִינָה׳, וָואס זִי הֵייסְט מִיט דֶעם נָאמֶען: ׳דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד, אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת׳״!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: ״אִין ווֶעלְכֶער זַייט זָאלְן מִיר זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ פְרֶעגְן [נָאכְפְרֶעגְן] צוּ דֶער [דָאזִיגֶער] ׳מְדִינָה׳״?! הָאט עֶר זֵיי גֶעווִיזְן מִיט דֶער ׳הַאנְט׳: ״אֶט אַהֶער״ (אַזוֹי־ווִי אֵיינֶער ווַייזְט מִיטְן ׳פִינְגֶער׳)!

הָאט דֶער ׳מֶענְטְשׁ׳ פוּן דֶעם ׳וַואלְד׳ גֶעזָאגְט צוּ דֶעם ׳אֶמֶת׳ן בֶּן־מֶלֶךְ׳: ״גֵיי אַהִין צוּ דֶער [אויבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ׳מְדִינָה׳ – אוּן דָארְט וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין ׳גְדוּלָּה׳ [גְרוֹיסְקֵייט]״! זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען!

ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען – הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר גֶעגְלוּסְט: אַז זֵיי זָאלְן גֶעפִינֶען עֶפֶּעס אַ ׳חַיָּה׳, אָדֶער אַ ׳בְּהֵמָה׳ – כְּדֵי זֵיי זָאלְן פְּרוּבְּן דִי [אויבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳כְּלִי׳, אוֹיבּ זִי וֶועט קֶענֶען שְׁפִּילְן (כַּנַ״ל [ווִי אויבְּנְדֶערְמַאנְט]). נָאר זֵיי הָאבְּן נָאךְ [בִּיזְדֶערְוַוייל] קֵיין שׁוּם ׳חַיָּה׳ נִישְׁט גֶעזֶעהְן.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי מֶער אִין ׳יִשּׁוּב׳ אַרַיינְגֶעקוּמֶען – הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען עֶפֶּעס אַ ׳בְּהֵמָה׳ – הָאבְּן זֵיי אוֹיף אִיר אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט דִי ׳כְּלִי׳ – הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁפִּילְן דֶעם ׳נִיגּוּן׳ (כַּנַ״ל [ווִי אויבְּנְדֶערְמַאנְט])!

זֶענֶען זֵיי אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען – בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען [אָנְגֶעקוּמֶען] צוּ דֶער [אויבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ׳מְדִינָה׳! אוּן [בַּיי] דִי ׳מְדִינָה׳ – אִיז גֶעוֶוען אַ ׳מוֹיעֶר׳ אַרוּם אִיר – אוּן מְ׳הָאט אִין דֶער ׳מְדִינָה׳ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין, נָאר מִיט אֵיין ׳טוֹיעֶר׳. מוּז מֶען [אוּן מֶען מוּז] אַרוּמְגֵיין כַּמָּה ׳מַייל׳, בִּיז מֶען קוּמְט צוּם ׳טוֹיעֶר׳. זֶענֶען זֵיי אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען – בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם ׳טוֹיעֶר׳! אַז [וֶוען] זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּם ׳טוֹיעֶר׳ – הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְלָאזְן – בַּאֲשֶׁר [ווַייל אַזוֹי־ווִי] דֶער ׳מֶלֶךְ׳ פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן – אִיז גֶעבְּלִיבְּן דֶער ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ – הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעלָאזְט ׳צַוָואָה׳:

״בַּאֲשֶׁר בִּיז אַהֶער [אַזוֹי־ווִי בִּיז יֶעצְט] הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי ׳מְדִינָה׳: ׳דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד, אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת׳ – הַיינְט זָאל מֶען זִי שׁוֹין רוּפְן פַארְקֶערְט: ׳דָאס קְלוּגֶע לַאנְד, אוּן דֶער נַארִישֶׁער מַלְכוּת״ – אוּן וֶוער ס׳וֶועט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען: אַז עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן צוּ דֶער ׳מְדִינָה׳ דֶעם ׳עֶרְשְׁטְן נָאמֶען׳, דְהַיְינוּ: אַז מְ׳זָאל ווִידֶער רוּפְן דִי ׳מְדִינָה׳ מִיט דֶעם ׳עֶרְשְׁטְן נָאמֶען׳: ׳דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד, אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת׳ – זָאל דֶער ׳דָאזִיגֶער׳ – ׳מֶלֶךְ׳ וֶוערְן״!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] לָאזְט מֶען קֵיין שׁוּם ׳מֶענְטְשְׁן׳ נִישְׁט אַרַיין אִין דֶער ׳מְדִינָה׳ – סַיידְן דֶער וָואס עֶר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען דָאס דָאזִיגֶע – אַז עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן [צוּ] דֶער ׳מְדִינָה׳, דֶעם ׳עֶרְשְׁטְן נָאמֶען׳!

הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: ״קֶענְסְטוּ דִיךְ דָאס אוּנְטֶערְנֶעמֶען, אַז דוּ זָאלְסְט [צוּ] דֶער ׳מְדִינָה׳ אוּמְקֶערְן דֶעם ׳עֶרְשְׁטְן נָאמֶען׳״?! הָאט עֶר זִיךְ בְּוַודַּאי נִישְׁט גֶעקֶענְט דָאס אוּנְטֶערְנֶעמֶען. הָאבְּן זֵיי [דֶערִיבֶּער] נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין.

הָאט אִים דֶער ׳קְנֶעכְט׳ אָנְגֶערֶעדְט: ״אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן אַהֵיים״! נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּמְקֶערְן זִיךְ – וָוארְן דֶער ׳מֶענְטְשׁ׳ פוּן דֶעם ׳וַואלְד׳ הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ דֶער [דָאזִיגֶער] ׳מְדִינָה׳, אוּן דָארְט וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ זַיין ׳גְדוּלָּה׳״!

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די עלוויטע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו (5)

**א. וואס איז די גרויסע געלעכטער וואס זיי האבן געהערט נאנט צו אינדערפרי?**
- ❑ אז דער טאג לאכט פון דער נאכט
- ❑ אז דער נאכט לאכט פון דער טאג
- ❑ אז די זין לאכט פון די לבנה

**ב. וועלכע קול האבן זיי געהערט ביינאכט?**
- ❑ די קול פון די חיות ווי זיי ברומען
- ❑ די קול פון די פייגעלעך וואס האבן גישווישטשיט און געקנאקט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. לכבוד וועמען האבן די חיות געמאכט די קול ביינאכט?**
- ❑ לכבוד די לבנה וואס לייכט פאר זיי ביינאכט
- ❑ לכבוד די זון וואס לייכט פאר זיי בייטאג
- ❑ לכבוד די שטערן וואס לייכטן ביינאכט

**ד. וועלכע כלי האט זיי באוויזן דער מענטש פון וואלד?**
- ❑ א כלי וואס ווען מ'לייגט דאס אויף א בהמה שפילט עס דעם ניגון
- ❑ א כלי וואס ווען מ'לייגט דאס אויף א עוף שפילט עס דעם ניגון
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. האט דער בן המלך געטראפן די כלי אין שטוב פון דער מענטש פון וואלד?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ יא, אבער ער האט מורא געהאט עס צו נעמען

**ו. פארוועמען האט דער מענטש פון וואלד געגעבן די כלי, ווען ער האט זיי געטראגן אין ישוב?**
- ❑ פאר דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ פאר דער אמת'ער בן המלך
- ❑ פאר ביידע צו זאמען

**ז. צו וועלכע מדינה האט זיי דער מענטש פון וואלד געזאגט צו גיין?**
- ❑ וואס רופט זיך דאס נארישע לאנד און קלוגער מלכות
- ❑ וואס רופט זיך דאס קלוגע לאנד און נארישער מלכות
- ❑ וואס רופט זיך דאס נארישע לאנד און פארשטענדליכער מלכות

**ח. פארוועמען האט דער מענטש פון וואלד געזאגט אז אין יענע מדינה וועט ער קומען צו זיין גדולה?**
- ❑ צו דער אמת'ער בן המלך
- ❑ צו דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ צו ביידע

**ט. וואס איז געוועןארום דער לאנד?**
- ❑ א מויער (חומה)
- ❑ שומרים
- ❑ א ים

**י. מ'האט אריין געלאזט אין די לאנד- נאר ווער עס וועט זיך אונטער נעמען אז מ'זאל צוריק רופן די מדינה...?**
- ❑ די נארישע לאנד און קלוגער מלכות
- ❑ די קלוגע לאנד און נארישער מלכות
- ❑ די נארישע לאנד און פארשטענדליכער מלכות

יא. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

וויפיל מאל האט דער עבד איינגערעט דעם אמת'ן בן מלך – און צו דעם האט ער אים געפאלגט?

### תשובות אויף פאריגע וואך

דער בן מלך האט געזאגט אדער גיטראכט די ווערטער: "אִיךְ וֶועל שׁוֹין וִויסִין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְין מִיט דִיר"? געטראכט

**געווינער אויף בן המלך ובן השפחה #4 איז הילד החשוב שמעון מנדליאל, בית שמש**
**טעלעפאן *** 9886**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## שְׁעפֶּעלֶע, קוּם אַהֵיים!

אַ שֶׁעפֶּעלֶע אִיז אַמָאל פַאְרבְּלָאנְדְשֶׁעט גֶעוָוארְן פוּן אִיר פַּאסְטֶעך. דֶער פַּאסְטֶעך הָאט אִיר גְלַייך גֶערוּפְן זִי זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן, וִוילַאנְג דִי שֶׁעפֶּעלֶע אִיז נָאכְנִישְׁט וַוייט פַאְרבְּלָאנְדְשֶׁעט קֶען זִי נָאךְ הֶערְן אוּן דֶערְקֶענֶען דָאס קוֹל פוּנֶעם פַּאסְטֶעך אוּן צוּרִיקְגֵיין צוּ אִיר אָרְט.

אוֹיבּ אָבֶּער אִיז זִי שׁוֹין וַוייט פַארְקְרָאכְן פוּן וֶועג, דַאן הָאט זִי וַוארְשֵׁיינְלִיך שׁוֹין פַארְגֶעסְן דָאס קוֹל פוּנֶעם פַּאסְטֶעך אוּן דֶער פַּאסְטֶעך הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען פוּן אִיר אוֹיפְזוּכְן, וִויבַּאלְד עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזַא לַאנְגֶע צַייט זִינְט זִי אִיז פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְבְּלָאנְדְשֶׁעט פוּן רִיכְטִיגְן וֶועג. אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ לֶענְגֶערֶע צַייט אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם, פַארְקְרִיכְט עֶר פוּנֶעם גְלַייכְן וֶועג צוּ קְרוּמֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע וֶועגְן, פוּן אַזַא פַארְבְּלָאנְדְשֶׁעטֶע אָרְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּרִיקְצוּגֵיין אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן.

אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֵייגְט צוּ אַז צוּמָאל קֶען זַיין אַז דַוְקָא וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַזוֹי פַארְדְרֵייט אִין דִי פַארְשְׁטוֹיסֶענֶע וֶועגְן, אַז פוּן אַזוֹיפִיל זִיךְ דְרַייעֶן אוּן פַארְגֵיין פוּן גְלֵייכְן וֶועג קֶען עֶר אַמָאל דַוְקָא זִיךְ צוּרִיק טְרֶעפְן צוּם עֶרְשְׁטְן אָרְט פוּן וואוּ עֶר אִיז פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען, עֶר וֶועט שׁוֹין דֶערְגְרֵייכְן גַאנְץ נָאנְט צוּם עֶרְשְׁטְן פְּלַאץ, אוּן אַז מֶען וֶועט אִים דַאן פְּרוּאוְון מִיט אַ גְרִינְגֶע נִסָיוֹן קֶען עֶר גַאנְץ שְׁנֶעל צוּרִיקְקוּמֶען אַהֵיים. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז וֶוען עֶר הֶערְט דַאן, בִּשְׁעַת דֶער נִסָיוֹן דָאס קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶּער וָואס רוּפְט אִים צוּרִיק, דֶערְקֶענְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט דָאס קוֹל אוּן קֶערְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אוּם.

דָאס אִיז דֶער צְווִישְׁנְשֵׁייד פוּן אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ צוּ אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶער מֶענְטְשׁ, וַוייל אַ אִינְגֶער קִינְד / בָּחוּר קֶען זֵייעֶר גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן וַוייל עֶר אִיז נָאךְ נָאנְט צוּם זַיין אָרְט, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט פַארְגֶעסְן דָאס קוֹל וָואס רוּפְט אִים צוּרִיק.

דַארְפְן מִיר דֶערִיבֶּער בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, אַז עֶר זָאל אוּנְז וִוי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן צוּרִיקְרוּפְן צוּ אִים וִוילַאנְג מִיר הָאבְן נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן דָאס קוֹל וָואס רוּפְט צוּ מְקַיֵים זַיין תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת. דָאס אִיז דִי תְּפִלָּה וָואס דָוִד הַמֶלֶךְ בֶּעט 'תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ כִּי מִצְוֹתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי' (תהלים קיט, קעו)

(לקוטי מוהר"ן קמא ר"ו)



הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי יצחק כ"ץ הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יואל כ"ץ הי"ו
לרגל הולדת הנכדה למזל טוב